שנה ד'
נומער 170
**פרשת אחרי קדושים**
תשפ"ג

# קריית ברסלב בלאָג



## דערהויבענע נסיעה צו

# מקומות הקדושים אין פוילן

תזריע-מצורע
תשפ"ג

**נייעס:**
באריכט פונעם נסיעה למקומות הקדושים אין פוילן

**געדאנקען:**
איך וועל לערנען משניות פאר דיר

**קינדער:**
הערליך פארגעסערט און פארשענערט

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.**

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**

**3** בריוו צו רעדאקציע
אויסצוגן פונעם יום טוב אין שטעטל



**8** געדאנקען
איך וועל לערנען משניות פאר דיר!



**5** שטעטל נייעס
געשלאסן מקח אויף נייע גרויסע גראסערי געביידע בעזרת השם



**6** היכל הקודש נייעס
דעטאלירטע באריכט איבער די נסיעה



**22** קינדער
פרישע חידושים פאר די חשוב'ע קינדער



**28** בילדער
בילדער פון די נסיעה קיין פוילן



## זמנים Liberty
אח"ק ח' אייר תשפ"ג

| | |
|---|---|
| הדלקת הנרות | 07:35 |
| מוצאי שבת | 09:07 |

**מנחה מעריב אמור ... 08:50**

## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 21 | 73°/48° | PM Showers |
| Sat 22 | 56°/41° | Showers |
| Sun 23 | 53°/35° | Showers |
| Mon 24 | 52°/35° | AM Snow Showers |
| Tue 25 | 55°/37° | Partly Cloudy |
| Wed 26 | 60°/40° | Partly Cloudy |
| Thu 27 | 62°/42° | Showers |
| Fri 28 | 60°/43° | Showers |




## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן
**מו"ה שמעון פארטיגאל הי"ו**
**וזוגתו רבקה תחי'**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל ברוחניות ובגשמיות.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
**מו"ה ישראל שלום זעלקאוויטש הי"ו**
**וזוגתו יענטא רייזל תחי'**
**צו די אפשערן פון א אינגל למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

בריוו צו די

# רעדאקציע

## אויסצוגן פונעם יום טוב אין שטעטל

לכבוד די חשוב'ע מערכת "קרית ברסלב בלעטל".

א גרויסן יישר כח פאר די פארגרעסערטע יום טוב אויסגאבע, מיר האבן זיך באלעקט די פינגער, גרויס און קליין, דער אייבערשטער זאל ענק געבן ווייטער כח און מח אנצוגיין מיט די הערליכע ארבעט.

אזוי ווי דער חשוב'ער עורך מו"ה אברהם הערש הי"ו האט מיר געבעטן אראפצוגעבן אביסל מיינע געפילן פונעם פארגאנגענעם יום טוב פסח אין שטעטל במחיצת דער ראש ישיבה שליט"א, וועל איך בס"ד שרייבן עטליכע נקודות וואס איז מיר שטארק אריין אין קאפ.

בעצם איז זייער שווער אראפצושרייבן מיט ווערטער די הערליכע זמן חירותינו וואס מיר האבן מיטגעלעבט די קרוב צו א חודש צייט וואס דער ראש ישיבה האט זיך דא געפונען; די שיעורים, די דאוונען, די שימוש תלמיד חכם וואס מיר האבן צוגעזען און מיטגעהאלטן, בפרט די אויסערגעווענליכע פרייליכע אטמאספער וואס דער ראש ישיבה האט אריינגעברענגט אין די לופט, ווי דער ראש ישיבה האט געזאגט נאך איינע פון די
דף שיעורים אז
די" יאר



האט ער מתפלל געווען מער ווי אלע יארן אויף א פרייליכע יום טוב", און דאס האט זיך איבערגעגאסן צו אלעמען, אבער פטור בלא כלום אי אפשר.

***

שבת הגדול פרשת צו, אינדערפרי, האט דער ראש ישיבה אסאך ארומגערעדט בענייני רפואה, איבער די וויכטיגקייט פון זיך היטן די געזונט, און אכטונג געבן פון איבערוואגיגקייט. דער ראש ישיבה האט געזאגט בשם צדיקים אז אויב מ'האט א מיחוש, א פראבלעם, איז אנדערש די תפילות פאר'ן באקומען א דיאגנאז פונעם דאקטער ווי נאכן באקומען א דיאגנאז, פאר'ן באקומען א דיאגנאז קען מען גרינגער פועל'ן א רפואה.

*

אין איינע פון די טעג האב איך געזען ווי דער ראש ישיבה באגעגנט א קינד אינדרויסן פון בית המדרש, דער אינגל האט געהאט רויטע ציפעדיגע הענט, וויינטערדיגע הענט, און דער ראש ישיבה זאגט אים: "א אידיש קינד טאר נישט האבן אזעלכע הענט, זע צו האבן שיינע הויט, שמיר שמן זית עס זאל זיך אויסהיילן"; אזא רחמנות אויף יעדעס קינד... (ווען איך האב דאס איבערדערציילט פארן מלמד הרב ישראל יוסף שניצלער שליט"א, האט ער מיר געזאגט אז עס איז אים שוין אויסגעקומען דאס צו באמערקן אויף אין חדר, ווען דער ראש ישיבה באמערקט אין די ווינטער חדשים ווי א

קינד האט צעקראכטע הויט אויף די הענט זאגט ער אז א אידיש קינד דארף האבן שיינע הויט, און מ'זאל עס שמירן אז עס זאל זיך אויסהיילן).

*

נאך איינע פון די שיעורים ווען דער ראש ישיבה האט זיך געגרייט ארויף צו גיין צו זיין שטוב, האט זיך דער ראש ישיבה אפגעשטעלט און דערציילט: "א שטיק צייט צוריק האט מיר א אינגל פון חדר געפרעגט אויב ער מעג קויפן א דיגיטאלע מוזיק שפילער, א שטייגער ווי אן עם-פי-טרי, האב איך אים געזאגט ער זאל עס נישט קויפן, נאך אפאר טאג איז ער צוגעקומען צו מיר און מיר געזאגט, 'איך האב געפאלגט דעם ראש ישיבה און איך האב עס נישט געקויפט, אבער איך וויל פרעגן דעם ראש ישיבה וואס איך קען טון צו זיין א מעכטיגער אינגל אין מיין כיתה', איך האב אים געענטפערט אז איך וועל עס דורכטראכטן און אים ענטפערן" (דער ראש ישיבה האט ווידער גערעדט פון דעם נושא, אז קינדער ווילן שפירן מעכטיג, ביי א צווייטע געלעגנהייט, נאך איינע פון די דף שיעורים במשך חול המועד).

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט עטליכע זאכן פון די מעשה, איינס אז אסאך מאל טוט א קינד געוויסע זאכן בלויז ווייל ער וויל שפירן ווי ער האט עפעס א ווערד, ווי ער איז מעכטיג, ער מיינט נישט קיין שלעכטס, צווייטנס, אז מ'קען זיך נישט פארשטעלן וואס דריידט זיך אין א קינד'ס קעפעלע, און די מתנה פון חינוך אין היכל הקודש אז מ'פארשטייט די וויכטיגקייט און מען געבט די געלעגנהייט פאר די קינדער זיך צו עפענען, ווייל אז נישט לייגן זיך די מחשבות אן איינס און נאך איינס וכו', ביז מ'הויבט זיך אן צו עסן אין זיך און מ'ווייסט ניטאמאל פארוואס, מ'ווערט ברוגז אויף אידישקייט וכו', און דאס קומט ווייל מ'באגראבט אין זיך די מחשבות.

*

דאס אריבערגיין געבן מזל טוב פארן ילד הפלא נחמן פוקס נרו יאיר נאך זיין זעלטענעם סיום הש"ס זיי ביי זייט מיט'ן ראש ישיבה שליט"א - איז געווען עפעס א מחזה נורא, יעדער האט באקומען א פערזענליכע חיזוק אנצוהייבן א שיעור און ש"ס אדער זיך באפלייסיגן אין זיין סדר אין ש"ס וואס ער האט שוין אנגעהויבן.

דער ראש ישיבה האט יעדן איינעם געפרעגט, אינגעלייט און בחורים צוגלייך - וואו מ'האלט אין ש"ס, פאר די וואס האבן געענטפערט אז זיי לערנען בלויז א דף גמרא יעדן טאג האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דאס איז די טשעקינג אקאונט, וואס טוט זיך מיט א סעיווינגס אקאונט? מ'דארף זיך אוועקלייגן דפים גמרא, הייב אן א שיעור אין ש"ס", פאר עטליכע האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "הערסט קול מבשר? אנשטאט דעם כאפ אריין בלעטער גמרא, איך וועל דיר שוין דערציילן די נייעס... ווען דרום קארעא האט שוין באמת געסטראשעט אז זיי גייען שיסן א מיסל...", פאר א בחור וואס האט געזאגט אז ער האלט ביי מסכת תענית האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט נישט האבן קיין טענות אויפ'ן אייבערשטן", פאר א אינגערמאן וואס האט געזאגט אז ער האלט ביי מסכת גיטין האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל שוין זיין קידושין", אזוי אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר א בחור וואס האט געזאגט אז ער האלט ביי מסכת קידושין: "דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט טרעפן א גוטע שידוך, איך האף אי"ה צו זיין דיין שדכן".

אזוי האט דער ראש ישיבה מעורר געווען און מחזק געווען יעדן איינעם צו האבן א שיעור אין ש"ס, אריינכאפן בלעטער גמרא.

***

המשך יבוא בעזהשי"ת.

יואל שניצלער, קרית ברסלב



# שטעטל נייעס

## געשלאסן מקח אויף נייע גראסערי געביידע ב"ה




מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף איז אין די טעג געשלאסן געווארן דעם געשעפט צווישן דעם קרית ברסלב גראסערי מיטן אייגענטומער פונעם "ליבערטי מארקעט" גראסערי געביידע אין ליבערטי, וואס וועט אריבערגיין אין די נאנטע צוקונפט צום באנוץ פון אנשי שלומינו ווען דער גראסערי וועט זיך בעזרת השם אהין ציען אין די נאנטע טעג הבעל"ט.

דער געביידע וואס איז יעצט אפגעקויפט געווארן איז א שיינע גרויסע בנין וואס פארמאגט אלע געברויכן פאר א גרויסע שיינע גראסערי, ברייטע גרויסע איילס מיט שעלפס, רעפרידזשעריטעטארס, פריזערס, רעדשזיסטערס און דאס גלייכן, אין צוגאב פארמאגט עס פארנט פון די געביידע א ברייטע פארקינג שטח וואס קען אריינעמען איבער 100 קארס אויף אמאל.

אויסער דעם האט דער פלאץ דער פאטענציאל מען זאל קענען דארט צולייגן נאך פילע דעפארטמענטס וואס מען האפט מיט די צייט צו קענען צולייגן, ווי א דעלי, פיש אפטיילונג און פרישטאג דעפארטמענט און נאך.

די גראסערי גייט יעצט אריין מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף אינעם פערטן יאר זייט איר עפענונג, פון וואס אלע איינוואוינער און אזוי אויך אידן וואס קומען ארויס קיין אפסטעיט יעדע יאר זענען זייער צופרידן מיט די סערוויס פונעם גראסערי. אבער עס איז געקומען צו א מצב וואס מען האט געזען אז מען דארף זיך פארגרעסערן, נאכדעם וואס די שטעטל איז זיך ברוך השם שיין צעוואקסן אויף אלע זייטן, און די פלאץ איז געווארן אויסגעוואקסן, יעדע אינטש איז שוין געווארן אויסגענוצט.

די הנהלת הקרי' ארבעטן שוין לענגערע חדשים אינאיינעם מיטן אייגענטומער מו"ה משה יחיאל פעלדמאן הי"ו צו טרעפן א גרויסע געשמאקע פאסיגע פלאץ פארן גראסערי. וואס זאל ענטהאלטן אין זיך אלעס וואס א גראסערי דארף צו האבן. מיט א האלבע יאר צוריק האט מען ברוך השם נאך אסאך תפילות באוויזן צו טרעפן דעם צוגעפאסטן געשעפט וואס איז געשטאנען צום פארקויפן ממש א שפאן אוועק פונעם בנין התלמוד תורה, א רחבות'דיגע ארט מיט אלע צוגעהערן, און מען האט דאן געשלאסן קאנטראקט, און די וואך האט מען מיט סייעתא דשמיא געשלאסן דעם מקח, וואס וועט ווי געזאגט אריבערגיין בקרוב אין באנוץ פאר אנשי שלומינו און אלע אידישע באזוכער אין די געגענט.

## די דענמאן בריק וועט ווערן איבערגעמאכט




ווי אלע אין שטעטל ווייסן, איז די בריק אויף די דענמאן גאס זייער א שמאלע בריק, וואס איז נאר דא פלאץ פאר איין קאר אדורך צו פארן, און יעדן טאג טרעפט מען זיך מיט דעם פראבלעם אז צוויי קארס קומען איינער אנטקעגן דעם צווייטן, און מען דארף זיך געבן א שטעל אפ און ווארטן איינער זאל אדורך פארן, און דערנאך קען מען פארן ווייטער, אזוי אויך איז עס נישט אויסגעשטעלט אז פיסגייער זאל קענען אדורך גיין.

יעצט איז אריינגעקומען די גוטע נייעס, אז די שטאטראט וועלן איבערמאכן דעם בריק, און דאס פארגרעסערן, פאר די באקוועמליכקייט פון די איינוואוינער.

עס קען נעמען אפאר חדשים ביז דאס וועט זיין אינגאנצן פארטיג, מען בעט דעם עולם צו ווארטן מיט געדולד (פארשטייט זיך מען קען בעטן דעם אייבערשטן עס זאל פארטיג ווערן שנעל). ביזדערווייל וועט די בריק זיין גענצליך פארשלאסן.

פוילן

## נסיעה למקומות הקדושים אין פוילן

1. **ליזענסק** – פוילן – בית החיים
2. **שינאווא** – פוילן – בית החיים
3. **לאנצהוט** – פוילן – בית החיים
4. **דינוב** – פוילן – בית החיים
5. **רימאנאוו/ רימנוב** – פוילן – בית החיים
6. **נובי-סאנץ/ צאנז** – פוילן – בית החיים
7. **קרקוב/ קראקא** – פוילן – בית החיים הישן רמ״א שוהל
8. **ראדאמסק** – פוילן – בית החיים

פארגאנגענעם וואך זונטאג פרשת תזריע מצורע האבן זיך אנשי שלומינו ובראש פונעם ראש ישיבה שליט"א ארויסגעלאזט אויף א נסיעה קיין פוילן, צו זיך אויסבעטן ביי די הייליגע צדיקים וואס ליגן דארט.

די נסיעה איז געווארט אהערגעשטעלט פאר די וואס האבן צאמגעשטעלט א גרויסע סכום ביי די אנשי חיל קאמפיין פארגאנגענעם זומער העעל"ט.

מען האט זיך ארויסגעלאזט זונטאג נאכטס פון ניו יארק צום קורצן אבער אינהאלטספולן נסיעה.

מאנטאג אינדערפרי ווען מען האט געלאנדעט אין ריישא האט מען גענומען א באס וואס האט געטראגן דעם עולם גלייך צום שטאט **ליזענסק**, ווי עס איז חלקת מחוקק ספון פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו. אויפן באס האט דער ראש ישיבה דערציילט גאר שיינע תוכן'דיגע מעשיות פון הייליגן רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו. ביים אנקומען אין ליזענסק איז מען תיכף געגאנגען אין מקוה, און דערנאך האט מען געגעסן א געשמאקן פרישטאג, וואס - איז אזוי ווי אלע אנדערע געברויכן פון די נסיעה - צוגעשטעלט געווארן בהרחבה דורכן טראוועל מומחה מו"ה אלי קנאל הי"ו פון פלען איט רייט. דערנאך האט מען זיך אויסגעבעטן ביים ציון ווי מען האט געווײלט פאר א שטיק צייט.

דערנאך איז מען געפארן מתפלל זיין ביי די הייליגע קברי צדיקים אין **שינאווע**, **לאנצוט**, **דינוב**, **רימנוב** און **צאנז**.

ביי די ציונים האט מען געזינגען אינאײנעם ווארימע אידישע ניגונים, כדי צו עפענען אביסל דאס הארץ און זיך קענען אויסבעטן אלעס וואס מען דארף פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל.

אין רימנוב ביים הייליגן רבי הערש זכותו יגן עלינו האט מען געזינגען די טל ניגון און די אהבה רבה ניגון וואס ער האט פארפאסט.

דערנאך האט מען געדאוונט מעריב אינעם הערליכן נייעם שול אין רימנוב וואס איז פארטיג געווארן ממש פאר פסח, נאך מעריב איז מען אראפ צום עס זאל אויפן ערשטן שטאק, דער מענעדזשער פונעם בנין האט מכבד געווען דעם ראש ישיבה צו לייגן א מזוזה ביים טיר, דער ראש ישיבה האט געמאכט א ברכה און געלייגט די מזוזה, און דערנאך זיך אראפגעזעצט און געמאכט א לחיים.

אין **צאנז** איז דער ראש ישיבה געווארן אויפגענומען דורך הרב יואל האלבערשטאם שליט"א אב"ד סאטמאר בלומינגראוו וואס טוט גאר אסאך פאר דעם הייליגן ציון אין צאנז.

אין צאנז האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דא קען מען אויס'פועל'ן די ווייב זאל זיך שערן די האר, וואס דאס איז געווען איינס פון די שטארקע יסודות ביים הייליגן צאנזער רב זכותו יגן עלינו

אויפן וועג האט דער ראש ישיבה געזאגט אז יעצט וועט זיין א געלעגנהייט פאר אנשי שלומינו צו פרעגן זייערע שאלות וואס זיי ווילן שוין פרעגן פאר א לאנגע צייט. אנשי שלומינו האבן געפרעגט זייערע שאלות און דער ראש ישיבה האט געענטפערט מיט א געוואלדיגע קלארע חוות דעת.

מאנטאג שפעט ביינאכט איז מען אנגעקומען קיין **קראקא** ווי עס איז געווען צוגעשטעלט א רייכע עלעגאנטע נאכטמאל מיט א געשמאקע פראגראם צוגעשטעלט דורך מו"ה ארי פיש הי"ו פונעם "אנשי חיל" קאמפיין.

פון דארט איז מען צוגעפארן צום באקוועמען האטעל אינעם אידישן קווארטל אין קראקא ווי מען האט זיך געלייגט שלאפן פאר עטליכע שעה.

דינסטאג אינדערפרי איז מען געגאנגען באזוכן אינעם רמ"א שול און דערנאך איז מען געגאנגען פוקד זיין די ציונים

פון די הייליגע צדיקים אין קראקא ווי דער הייליגער רמ"א, ב"ח, תוספות יום טוב, בעל מגלה עמוקות און נאך.

אין פארנט פונעם שול האט דער ראש ישיבה געשמועסט מיט אנשי שלומינו פון די מעשה וואס איז געווען אין די צייטן פון רמ"א ביי א חתונה וואס מען האט נישט געפאלגט דעם רמ"א און די זאל איז איינגעזינקען, וואס דער פלאץ זעט מען דארט אין פארנט פונעם רמ"א שול.

דערנאך האט מען גענומען א באס צום ציון פון הייליגן תפארת שלמה אין **ראדאמסק** ווי מען האט געהאט א מקוה און געדאווענט שחרית, פרישטאג און נאכדעם האט מען זיך אויסגעבעטן ביים הייליגן ציון אין ראדאמסק.

פון דארט איז מען געפארן צום לופטפעלד אין ווארשא אנגעפילט מיט זעק און פעק פון ישועות.

דאס איז ממש אויפן שפיץ גאפל פונעם גאר הערליכן נסיעה קיין פוילן, אלע זענען טאקע אהיימגעקומען אויסגעמוטשעט, אבער מען האט זיכער גע'פועל'ט ישועות און רפואות פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל.

פאר א לענגערע דעטאלירטע באריכט, לייגט קונטרס עצתו אמונה פון די וואך, ווי דער ראש ישיבה האט אראפ געשריבן דעם גאנצן נסיעה פון אנהייב ביזן סוף בטוב טעם ודעת.

## וויליאמסבורג

### גליון היכל הקודש גרייכט צום גליון נומער 600




דער מערסט פארשפרייטער גליון אין די חרדי'שע וועלט "גליון היכל הקודש" איז די וואך פרשת תזריע מצורע אנגעקומען צום מערקווירדיגן ציפער פון "זעקס הונדערט". דער גליון וואס ערשיינט שוין פאר צוועלף יאר, ווערט פארשפרייט אין פילע שטעט און לענדער איבער די וועלט, און ווערט איבערגעטייטשט אין עטליכע שפראכן, און ווערט געליינט מיט דורשט דורך צענדליגע טויזנטע אידן איבער די וועלט אין די שולן, אין די הייזער און אנליין דורך יעדן איד וואס זוכט א חיזוק ווארט צו קענען מיטנעמען מיט זיך.

די סיבה פארוואס דער גליון איז אזוי פאפולער איז נישט ווייל עס האט ציענדע קאלירפולע גראפיקס, אויך האט עס נישט קיין דראמאטישע שרעקעדיגע מעשיות אדער פארזעצונגען, עס אנטהאלט נישט קיין בילדער און אילוסטראציעס, נישטא דארט צו טרעפן חידות, אפהאנדלונגען אדער ארטיקלען, עס האט אפילו נישט קיין טיעפע תורות אדער פארפלאנטערטע פלפולים, דאס איז בכלל נישט וואס מאכט מענטשן זוכן דעם גליון אין אלע שולן איבער די וועלט.

דער גליון באשטייט פון פשוט'ע פאפיר, שווארץ אויף ווייס אבער אנטהאלט לעכטיגע ווערטער. עס האט אן אינהאלט וואס ציט יעדן איד ווי א מאגנעט.

צום ערשט איז אלץ דא דער "ווארט אויף די פרשה" א געדאנק אויף די סדרה פון מוהרא"ש, דארט ווערט מיט פשוט'ע ווערטער שטיין א שיינע טייטש אויף די וואכעדיגע סדרה איבער אן ענין וואס מ'קען דערפון ארויסנעמען הלכה למעשה חיזוק אדער עצות צו קענען שטייגן אין עבודת ה'.

דערנאך טרעפט מען אלץ אויפן לינקן זייט גראד ביים אנפאנג פונעם גליון א שיינע שיחה פון מוהרא"ש זי"ע ווי ער צולייגט אזוי שיין אן ענין, און מאכט קלאר פארן מענטש וואס זיין תכלית אויף דער וועלט איז און וואס מען קען טון צו האבן א בעסערע לעבן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

דאן קומט "א גוט ווארט" פון ראש ישיבה, דאס איז א קליינע ציטאט פון א בריוו, א דרשה וכדומה פונעם ראש ישיבה, א ווארט וואס מאכט טראכטן, אן עצה צום לעבן און דאס גלייכן.

דאן קומט אויפן צווייטן און אויפן דריטן זייט די בריוו פונעם ראש ישיבה און די שאלות ותשובות פונעם ראש ישיבה, ווי ליינער האבן די געלעגנהייט צו פרעגן פונעם ראש ישיבה זייערע שאלות און ספקות אויף אלע נושאים וואס עס קען זיי נאר דרוקן, און דער ראש ישיבה ענטפערט יעדעם בטוב טעם ודעת און ענטפער על פי תורה, א לעזונג צום פראבלעם לויט ווי אונזערע רבי'ס האבן אונז אויסגעלערנט.

דערנאך איז דא אויפן לעצטן זייט אביסל נייעס און אפדעיטס וואס טוט זיך אין די קהילה און אין די מוסדות אין די פילע שטעט איבער די וועלט, אז אנשי שלומינו זאלן קענען מיטהאלטן און זיין אינפארמירט מהנעשה והנשמע ביי אנשי שלומינו.

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל ווייטער קענען ארויסקומען יעדע וואך צו מקרב זיין אידישע קינדער צום אייבערשטן ביז משיח'ס טאג.


מסע המרומם נסיעה למקומות הקדושים - פולין
דער
אלטער היים
מיט'ן ראש ישיבה
פרשת תצוה - במצורה תשפ"ג
ורשה
ראדומסק
צ'סטוצ'ובה
Częstochowa
קטוביץ
Katowice
קרקוב
בזסקו
Brzesko
נובי סונץ
רימנוב
דינוב
לנצוט
שיניאווה
ליז'נסק
וולוצלאבק
Włocławek
פלונסק
Płońsk
וישקוב
Wyszków
פלוצק
Płock
נובידבור מזובייצקי
Nowy Dwór
Mazowiecki
סוקולוב פודלסקי
Sokołów
Podlaski
גוסטינין
Gostynin
ויסלה
ונגרוב
Węgrów
קוטנו
Kutno
סוכצ'ב
Sochaczew
שדליץ
Siedlce
מינסק מזובייצקי
Mińsk
Mazowiecki
לוביץ
Łowicz
לנצ'יצה
Łęczyca
אוטבוצק
גרבולין
Garwolin
לוקוב
Łuków
רדזין פודלסקי
Radzyń
Podlaski
לודז'
Łódź
זגוז'
Rzgów
פביאניצה
Pabianice
פיוטרקוב
טריבונלסקי
Piotrków
Trybunalski
בלחטוב
Bełchatów
קוז'יניצה
פולאווי
Puławy
לוברטוב
Lubartów
זבולן
Zwoleń
לובלין
Lublin
קז'ימייז דולני
Kazimierz
Dolny
Świdnik
קונסקיה
Końskie
ביחאווה
Bychawa
קרשניק
Kraśnik
וולושצ'ובה
Włoszczowa
קילצה
Kielce
יאנוב לובלסקי
Janów
Lubelski
סנדומייז'
Sandomierz
סטאלווה-וולה
Stalowa Wola
בילגוריי
Biłgoraj
Busko-Zdrój
Nisko
Park
Krajobrazowy
Orlich Gniazd
מיילץ
Mielec
קולבושובה
Kolbuszowa
טיכי
Tychy
דמביצה
Dębica
טרנוב
Tarnów
בוכניה
Bochnia
ירוסלב
Jarosław
רופשיץ
Ropczyce
וויליצקה
Wieliczka
בילסקו-ביאלה
Bielsko-Biała
פשמישל
Przemyśl
ז'יווייץ
Żywiec
יאסלו
Jasło
קרוסנו
Krosno
בז'וזוב
Brzozów
לימנובה
Limanowa
גורליצה
Gorlice
Wisła
נובי טארג
Nowy Targ
קריניצה זדרוי
Krynica-Zdrój
Szczawnica
לסקו
Lesko
אוסטשיקי דולנה
Ustrzyki Dolne
Chránená
krajinná oblasť




# איך וועל לערנען משניות פאר דיר!

משה אורי׳ שניטצלער

יא! איך וועל לערנען משניות לעילוי נשמת ר׳ מיכאל בן ר׳ משולם זושא עליו השלום.

נישט נאר איך גיי לערנען, נישט איך גיי עס טון מארגן, איבערמארגן, כ׳האב עס שוין געטון.

היינט צופרי האב איך אויפגעמאכט מיין משניות, איך האב אנגעהויבן צו טראכטן פון מיטנעמען גוטע זאכן אויף יענע וועלט, האב איך זיך דערמאנט פון אונזער נאנטן קרוב ר׳ מיכאל בן ר׳ משולם זושא ע״ה, וואס איז נעבעך אזוי פלוצלונג אוועקגעריסן געווארן, דער אייבערשטער זאל שוין העלפן מ׳זאל הערן נאר גוטס ביי אידן.

זיין טאטע, דער בארימטער חסיד המתחסד עם קונו, דער איש מורם מעם, הנקרא בלשון חיבה ״ר׳ זושא״, איז געווען א ברודער פאר מיין זיידע, טשאבער רב ז״ל, וואס האט געוואוינט אין לאנדאן,ביידע זענען געווען זון פון מיין עלטער זיידן, טשאבער רב ז״ל וואס האט געוואוינט אין ירושלים, ער איז געווען א תלמיד פון זכרון יהודה מ׳סאטמאר זי״ע און פון מרן העצי חיים זי״ע מ׳סיגוט, ער איז אוועק בשנת תש״מ.

איך האב אויפגעמאכט מיין גמרא, און געזאגט הריני לומד לעילוי נשמת ר׳ מיכאל בן ר׳ משולם זושא עליו השלום, און געלערנט א בלאט, וואו איך האלט על הסדר, מסכתא תענית, דף כ״ג.

איך האב געהאט עפעס א פילינג אז די גמרא וועט עפעס מרמז זיין מעין המאורע, פלוצלונג זע איך אז איך האלט ביי די בלאט וואס רעדט פון דעם הייליגן תנא חוני המעגל, איך האב זיך דערמאנט די הארציגע ווערטער פון מוהרא״ש זי״ע ווי ער פלעגט רעדן פון די מעשה, ווי חוני המעגל איז געשלאפן זיבעציג יאר.

עס קלינגט מיר אין די אויערן ווי מוהרא״ש האט גערעדט פון תורה ס׳ אין ליקוטי מוהר״ן, ווי דער רבי איז מבאר מיט די מעשה פון חוני המעגל ווי א צדיק וועקט אויף מענטשן דורך סיפורי מעשיות.

מוהרא״ש פלעגט אויסרופן, מי איכא דניימא שבעין שנין, ווי קען א מענטש שלאפן זיבעציג יאר!

אוי פלעגן מיר גיסן הייסע טרערן ווען מוהרא״ש האט עס געזאגט, מיט אזא ליבשאפט, פול מיט הארץ, פול מיט בענקעניש צום אייבערשטן אז איך גיי נאכאמאל פרובירן צו זיין גוט.

מוהרא״ש פלעגט ארייפלעכטן די מעשה וואס די רבי האט דערציילט (סיפורי מעשיות, מעשה א׳, מאבידת בת מלך) ווי ער איז געשלאפן זיבעציג יאר, און גלייך איז מוהרא״ש צוגעקומען צום פינטל, אז ״ס׳איז בודאי יא דא״ (אזוי דערציילט דארט דער רבי די מעשה).

מוהרא״ש פלעגט אויספירן, ס׳איז בודאי יא דא א מעגליכקייט אז איך זאל מצליח זיין! ס׳איז בודאי יא דא א מעגליכקייט אז איך זאל זיין א ערליכער איד! ס׳איז בודאי יא דא א מעגליכקייט אז איך זאל נישט טראכטן אז איך בין א דורכפאל!

א עקסטערע זאך, פלעגט מוהרא״ש אסאך שמועסן פון די מעשיות וואס די גמרא דערציילט אויף אבא חלקיה, דער אייניקל פון חוני המעגל, דאס איז אויך דא אויף׳ן זעלבן דף וואס איך האב היינט געלערנט. די גמרא




דערציילט אז די וואס האבן באגלייט אבא חלקיה האבן געהאט אן א שיעור קושיות אויף אים, אבער נאכדעם האבן זיי געזען אז אויף יעדע קושיא איז דא א תירוץ.

די גאנצע וועלט איז פיל מיט קושיות! פארוואס איז דא צרות? פארוואס זענען מענטשן קראנק? פארוואס שטארבן מענטשן יונג? אבער יעדע קושיא האט א תירוץ! א מענטש וואס חזר'ט אייביג "דער אייבערשטער איז דא" "דער אייבערשטער היט אויף מיר" "דער אייבערשטער ווייסט וואס איז גוט" ער פילט ניטאמאל אז עפעס א קושיא זאל אים באדערן, אין הימל איז לויטער תירוצים!

קליינע קינדער גייען ארום פורים און דערשרעקן זיך ווען זיי זעען א מאסק פון א בער, זיי קייכן און וויינען פון שרעק! זיי ווייסן נישט אז דער בער איז פעטער מושי וואס האט אים נעכטן געגעבן א קענדי! ווען פעטער מושי הייבט אויף די מאסק, געט דאס קינד א זיסע שמייכל וואס פארשפרייט זיך אונטער די וויינעדיגע אויגעלעך, די טאטע ווישט אים אפ די הארציגע טרערעלעך, און אלעס איז פיין.

א מענטש וואס האט אמונה זעט דעם זיסן פעטער מיט די קענדי'ס וואס באהאלט זיך אונטער די שרעקעדיגע מאסק.

ווי אזוי איז מען זוכה צו דעם? אז מ'רעדט צום אייבערשטן איין מינוט יעדן טאג, "הייליגער באשעפער העלף איך זאל רעדן צו דיר" "הייליגער באשעפער העלף איך זאל דיר דערציילן אלעס וואס ליגט מיר אויף'ן הארץ"

אויסער מיין גמרא און משניות לעילוי נשמת ר' מיכאל בן ר' משולם זושא עליו השלום, האב איך געוואלט נאך עפעס טון, איך בין אראפ אין בעיסמענט און געקוקט ביי די ספרים וואס איך האב באקומען ביי מיין בר מצוה, איך זע א קדושת לוי! אה! פונקט גוט! כ'האב שוין לאנג געוואלט אנהייבן א שיעור אין דעם הייליגן ספר! עס געט מיר א בליץ אין מח אז דער נפטר האט דאך געהייסן מיכאל, און מיכאל איז דאך דער מלאך וואס איז מלמד זכות אויף אידן, און דער הייליגער בארדיטשוב'ער רב איז דאך געווען דער גרויסער מליץ טוב אויף כלל ישראל. דער הייליגער בארדיטשובער רב האט גערעדט אזוי סאך גוטס אויף אידן אז דער רבי' האט געזאגט אויף אים אז ער האט געמאכט א נייעם היכל אין הימל וואס הייסט "היכל הזכות"

איך האב גלייך אריינגעשריבן אין מיין קדושת לוי "הריני מתחיל ללמוד בספר הקדוש הזה לעילוי נשמת ר' מיכאל בן ר' משולם זושא עליו השלום"



הרה"ח ר' משולם זושא שנייצלער ז"ל, פאטער פון ר' מיכאל ע"ה

איך האף צום אייבערשטן אז איך וועל עס ענדיגן ביז צוויי דריי יאר (אויב ס'וועט נעמען צען צוואנציג יאר האב איך אויך נישט דערלייגט, איך יאג מיך נישט)

איך קען זיך נישט צוריקהאלטן פון דערמאנען עטליכע גאר שיינע זאכן וואס איך האב געהערט פון דעם נפטר.

די שיינע ניגון פון די תלמידי האר"י הקדוש וואס טאנצן לכה דודי פלעגט זיין פאר מיר א פרייליכע ניגון פול מיט התעוררות, מוהרא"ש פלעגט צו זאגן אז ווען מ'רעדט נאר פון צדיקים הייבט מען אן זיך בענקען צום אייבערשטן. די ניגון איז מיר געווען זייער אינטערעסאנט, ווייל איך פלעג פילן אז צדיקים זענען זייער פרייליך, און מאכן פרייליך ארום זיך.

אוי, ווי ער פלעגט זינגען ווי מ'שלעפט דעם פיש מיט'ן גארטל צום הייליגן רבי' יחזקאל'ע קוזמירער זכותו יגן עלינו! גלייבט מיר ווען איך פלעג הערן דעם ניגון פלעג איך וויינען פון שמחה! אוי די תמימות! ווי דער חסיד לויפט א גאנצן וועג ביים טייכל, און שלעפט דעם פיש מיט זיין גארטל אז ס'זאל אנקומען לעבעדיג צום הייליגן רבין! און, אוי א בראך! דאס גארטל איבעררייסט זיך! אבער די תמימות פון דעם חסיד האט געוואונען! זיין פיש איז ביים רבי'ן! א לעסן אין לייף!!!! דיין שווערע הארעוואניע גייט נישט לאיבוד!

איינמאל בין איך געפארן אין מיין קאר, ס'איז געווען א הייסע זומער טאג, כ'האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן צו קענען היטן די

אויגן אין גאס, מיין מוזיק אין קאר האט דעמאלטס אנגעהויבן שפילן דעם הארציגן ניגון "א אידעלע אין אויוון אריין" איך האב אנגעהויבן צו בעטן "הייליגער באשעפער ס'איז דאך אזוי שווער מיט שמירת עיניים! מיר ווערן דאך פארברענט פון דעם יצר הרע!" "אין זכות פון די אידן וואס זענען נעבעך פארברענט געווארן אין אוישוויץ, זאלן מיר קענען שטיין קעגן דעם יצר הרע וואס פארברענט אונז יעדע רגע!"

ווער רעדט נאך פון דעם ניגון "שימעלע":

אוי טאטע! אוי טאטע! הייליגער טאטע! וואו ביסטו באהאלטן וואו?!

און אודאי די מעשה פון ר' שבתי בינדער, דער טאטע פון הייליגן קאזשניצער מגיד זכותו יגן עלינו, אז אין זכות פון זיין פריילך, און טאנצן אן א שיעור, זענען זיי געהאלפן געווארן מיט א קינד!

מוהרא"ש לייגט עס אראפ (אין שיחות מוהרא"ש - אפשר וועט איינער פון די ליינער'ס אנצייגן די מראה מקום) אז די טאנצערייען זענען געגאנגען מיט אזא התלהבות ביז אפיסת הכוחות!

און אז מ'רעדט שוין פון היכל הזכות, קען איך שוין טרעפן נאך א זאך וואס איך קען זיך פארנעמען לטובת נשמתו, איך גיי זיך אריינכאפן אין היכל הזכות פון הייליגן בארדיטשוב'ער רב! איך גיי קוקן גוט אויף יעדן איד!

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, תורה רפ"ב) אז ווען מ'קוקט גוט אויף א מענטש קומט ער ארויף צו א העכערע מדריגה! פלאי פלאים!

מוהרא"ש פלעגט אסאך רעדן פון דעם אז מ'דארף קוקן אויף מענטשן



הרה"צ ר' שרגא שמואל שניצלער זצ"ל
מטשעהרין, זיידע פון ר' מיכאל ע"ה

מיט א אויג פון רחמנות.

מוהרא"ש פלעגט זאגן, עיני ה' אל צדיקים, צדיקים האבן "דעם אייבערשטנ'ס אויגן". ווייל דער אייבערשטער ווייסט דאך וואס יעדן מענטש דרוקט, אזוי קוקט א צדיק

אויף א מענטש, און טראכט פון די צער און שוועריגקייטן וואס גייט דורך אויף מענטשן.

למשל, דער נפטר וואס איז נעבעך אויפגעוואקסן א יתום, דאס איז א זאך וואס א דורכשניטליכער מענטש קען זיך נישט אויס'משל'ען די צער פון דעם. אבער ווען מ'גייט אוועק פון די וועלט ווערט מען באצאלט פאר יעדן צער און עגמת נפש.

אויף יענע וועלט "קעשט מען די טשעק"...... אלע ריוח וואס א מענטש האט אויף די וועלט, איז נאר אויף ביזדערוויי, אבער אויף יענע וועלט איז די ריכטיגע ריווח!

אז מ'עסט מצה, אז מ'קושט די מזוזה, אז מ'לייגט א פעני אין די פושקע, קומט מען אויף יענע וועלט מיט פולע באגאזשן!

יא, טייערער הארציגער מיכאל! איך וועל לערנען משניות פאר דיר!





# מעשיות פון תפילה

## ישראל פוקס - קרית ברסלב:

איך בין געפארן מיט מיין משפחה צו עיה"ק טאהש יצ"ו, און דער אייבערשטער האט מיך מזכה געווען מיט א משפחה פון זעקס קינדער, מיט די עלטערן איז עס אכט נפשות, און מיין קאר האט זיבן זיצן ברייט, און אכט צוקוועטשטערהייט. סתם אזוי קען מען זיך נאך אן עצה געבן ווייל די פאליציי שטעלט נישט אפ אזוי אפט, אבער דא פאר איך אריבער די גרעניץ און געווענטליך קוקן זיי אריין אין די קאר צו זען וויפיל מענטשן זענען פאראן, האבן מיר געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן נישט מאכן קיין פראבלעמען ביי די גרעניץ.

ווען מיר זענען אנגעקומען צום גרעניץ איז איינע פון די קאנאדישע פאליציי געקומען צום קאר און אריינגעקוקט, ער הייבט אן ציילן וויפיל מענטשן זיצן אין קאר, די גאנצע משפחה האט שטילערהייט געשעפשעט א תפלה צום אייבערשטן ס'זאל אריבערגיין על צד היותר טוב.

ער ענדיגט ציילן און ער רופט זיך אן: "אכט מענטשן אין א קאר מיט אכט זיצן, עטס קענטס גיין!"

## אשר לעמל זוסמאן - קרית ברסלב:

איך האב געדארפט אויפפיקן גלעזער פאר מיין טאכטער פון שטאט, איך בין אריינגעפארן מיטוואך נאכמיטאג צו די גלעזער געשעפט, ווען איך בין אנגעקומען דארטן זע איך ווי די געשעפט איז שוין פארמאכט, איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון, איך הייב קלאפן, האקן, זעצן, קיינער ענטפערט נישט, איך גיי צו די זייטיגע ארייננגאנג, איך הייב אן קלאפן, און די רוימערקע עפנט די טיר און זאגט מיר אז זיי זענען שוין פארמאכט. איך האב איר געזאגט אז איך האב זיי גערופן פאר איך בין געקומען און זיי האבן מיך געזאגט אז זיי זענען אפן ביז ניין אזייגער, זאגט זי מיר אז מיטוואך זענען זיי אפן נאר ביז זעקס אזייגער, אין אנדערע ווערטער - ס'איז נישטא צו וועם צו רעדן.

איך דריי מיך אוועק פון דארטן זייער אנטוישט, איך וועל דארפן נאכאמאל אריינפארן די גאנצע וועג אין שטאט אריין. איך האב מיך אויסגעדרייט און שטילערהייט געבעטן דעם אייבערשטן אז אויף עפעס א וועג זאל איך יעצט באקומען די גלעזער.

גייט נישט אדורך קיין מינוט און א היימישער אינגערמאן שפאצירט ארויס פון געשעפט, איך גיי צו צו אים און איך פרעג אים אויב ער קען מיך געבן די גלעזער, זאגט ער מיר אז עכט זענען זיי שוין פארמאכט און ער איז קיינמאל נישט דא אזא צייט, פונקט יעצט האט ער געדארפט עפעס ערלעדיגן, און אז ער איז שוין דא וועט ער מיך עס שוין געבן.

## אלחנן זויבערמאן - צפת:

זייט מיין חתונה וואוין איך אין די שטאט צפת אין ארץ הקודש. פאר מיין חתונה בין איך געווען צוגעוואוינט יעדע וואך אריבערצוגיין צו די לאקאלע קיאסק נעבן מיין שטוב און זיך אראפזעצן שרייבן מיינע לעצטיגע מעשיות פון תפלה און אריינשיקן צו די קרית ברסלב בלעטל.

ווי איר אלע האט מיטגעהאלטן האבן די לעצטע פאר בלעטלעך נישט ערהאלטן קיין מעשיות פון תפלה פון אלחנן, דאס איז וויבאלד איך בין נישט באקאנט דא אין די צפת'ער געסאלאך און איך האב פשוט נישט געוואוסט צו ס'איז פאראן א קיאסק דא אין צפת.

ס'איז געקומען צו א מצב און איך האב געשפירט אז אזוי קען מען ווייטער נישט אנגיין, ווי קען מען איבערלאזן אלע חשוב'ע לייענער אן א מעשה פון תפלה פון אלחנן?...

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א געשמאקע קיאסק דא אין צפת ווי מען וועט ווייטער קענען מהנה זיין די טייערע אידן אין אמעריקע.

ברוך השם דער אייבערשטער האט מיך געהאלפן אז איך בין געוואויר געווארן פון גאר א געשמאקע קיאסק הארט נעבן מיין שטוב, ווי מיר וועלן אייך ווייטער קענען צושטעלן מעשיות פון תפלה וועכנטליך.

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ה' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

זַייטְס מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ אַייךְ נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף אַייעֶר בְּרִיוו פַאר לַאנְגֶע חֳדָשִׁים; זַייטְס מִיר דַן לְכַף זְכוּת, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְנוּמֶען אַז אִיךְ קוּם נִיטְאַמָאל אָן צוּ עֶסְן אוּן צוּ שְׁלָאפְן וְכוּ', וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְטְס אַייךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, חַזֶר'ט זִיךְ דִי אֱמוּנָה; וֶוען אַייעֶר קָאפּ הֵייבְּט זִיךְ אָן דְרֵייעֶן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת זָאלְט אִיר אָנְהֵייבְּן זִינְגֶען: "אֵין עוֹד מִלְּבַדוֹ, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעֲרָאל, אִיךְ לִיג אִין זַיינֶע הֶענְט".

**קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן קָארָאנֶע**, עֶס אִיז לִיגְנְט וָואס דִי נֵייעֶס זָאגְט; זֵיי דְרִילְן דֶעם קָאפּ, יֶעדְן טָאג זָאגְן זֵיי פְּרִישֶׁע נוּמֶערְן וִויפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן קָארָאנֶע, עֶס אִיז שֶׁקֶר וְכָזָב; קֵיינֶער אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן קָארָאנֶע, קָארָאנֶע קֶען נִישְׁט הַרְגֶ'נֶען קַיין מֶענְטְשְׁן, קָארָאנֶע אִיז אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע בָּאג, עֶס קֶען גָארְנִישְׁט טוּן; דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען יֶעצְט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז וַוייל יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע מֶענְטְשׁ פַאר עֶר וֶוערְט גֶעבּוֹירְן בַּאקוּמְט עֶר פוּן הִימְל אַ גֶעווִיסֶע מָאס יָארְן וִויפִיל עֶר גֵייט לֶעבְּן אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק דִי נְשָׁמָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי עֶס אִיז יָא דָא קָארָאנֶע אָדֶער נִישְׁט, יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג. מִיר אִידְן גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז **דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט לֶעבְּן וִוילַאנְג עֶר וִויל** אוּן קֵיינֶער אַנְדֶערְשׁ קֶען נִישְׁט גֶעבְּן לֶעבְּן אָדֶער צוּנֶעמֶען לֶעבְּן.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דִי נֵייעֶס - אֲפִילוּ דִי אִידִישֶׁע; כָּל זְמַן דִי נֵייעֶס רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאר מֶען דָאס נִישְׁט הֶערְן. **וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין שֵׁיינֶע הַאט-לֵיינְס**, שֵׁיינֶע נֵייעֶס. מָשִׁיחַ וֶועט רֶעדְן אוֹיף דִי נֵייעֶס, עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע נֵייעֶס, עֶר וֶועט רֶעדְן צוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע פֶעלְקֶער וֶועלְן אִים הֶערְן - אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר אִים דַארְף מֶען דִינֶען אוּן פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ רֶעדְן.

טַאנְצְט מִיט אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער; אֲפִילוּ יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה וֶוען מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע אֲבֵלוּת פוּן דִי תַּלְמִידֵי רֶבִּי עֲקִיבָא אוּן אוֹיף אַלֶע צָרוֹת, טָאר מֶען נִישְׁט זַיין בְּעַצְבוּת אוּן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## פֶּסַח שֵׁנִי

**אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמוּעֶס פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן גֶעזָאגְט:** מיר געפונען זיך יעצט אין די ספירה טעג אין די מדה פון הוד, מיר פירן זיך אז מען זאגט נישט קיין תחנון אין די טעג פון פסח שני ביז נאך ל"ג בעומר ווייל די טעג זענען זייערע הייליגע טעג (עיין זוהר הקדוש, בהעלותך קנב:).

פסח שני איז אנגענומען אז עס איז דער יארצייט פונעם הייליגן תנא רבי מאיר בעל הנס, און גלייך נאכדעם געפאלט די יומא דהילולא פון דעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי; די הייליגע תנאים רבי מאיר בעל הנס און רבי שמעון בר יוחאי האבן אריין געברענגט וואס זיי האבן געלערנט ביי זייער רבי דער הייליגער תנא רבי עקיבא (ירושלמי נדרים ט, ד): "**וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ - זֶה כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה**", אז די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך איז א גרויסע כלל אין די תורה; די אנדערע תלמידים האבן זיך נישט פארטראגן צווישן זיך דערפאר איז גארנישט געבליבן פון זיי, זענען געקומען די הייליגע תלמידים רבי שמעון בר יוחאי און רבי מאיר בעל הנס מיט די איבעריגע חברים און אריין געברענגט א ליבשאפט איינעם צום צווייטן, זיי האבן אויסגעריסן די זאך פון מחלוקת און זיך גרויסן איינער אויפ'ן צווייטן, דאס איז די גרויסע שמחה אין די טעג. אזוי ווי מיר געפונען אין זוהר הקדוש (נשא קכח.) רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט פאר זיינע תלמידים: "**אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא**", אונזער זאך איז אז מיר האבן זיך ליב איינער דעם צווייטן; רבי שמעון בר יוחאי האט אריין געברענגט אין זיינע תלמידים אז מען זאל זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן, פלעגט מוהרא"ש זאגן אויף דעם א שיינעם רמז: **א'נ'ן'** איז די ראשי תיבות: "**אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא**", אנשי שלומינו דארפן זיך האלטן צוזאמען און זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן.



# א מעשה
## פון א צדיק

## בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמָאר רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען דֶער לִיסְקֶער רָב דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֶערְשְׁלֶ'ע לִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּעַל "אַךְ פְּרִי תְבוּאָה" אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט אוּהֶעל אוּן אִיז גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט מִיט גְרוֹיס דַחְקוּת.

אֵיינְמָאל אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דְרֵיי טֶעג אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אֲפִילוּ צוּ קוֹיפְן בְּרוֹיט פַאר אִים אוּן פַאר זַיין הוֹיז-גֶעזוּנְט, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז זֵיי גֵייעֶן אוֹיס פַאר הוּנְגֶער.

דֶעם דְרִיטְן טָאג הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ פְרוֹי אַ מַקְשֶׁה לֵילֵד אוּן זִי אִיז גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אוּן דֶער לִיסְקֶער רֶבִּינְס מַאמֶע אִיז גֶעקוּמֶען פוּן עוֹלָם הָעֶלְיוֹן אִין חָלוֹם צוּ דִי מוּטֶער פוּן דִי פְרוֹי דִי מַקְשָׁה לֵילֵד, אוּן הָאט אִיר גֶעזָאגְט, לוֹיף שְׁנֶעל אַרִיבֶּער צוּ מַיין זוּהְן וָואס עֶר זִיצְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן לֶערְנְט, אוּן גֶעבּ אִים אַ פֶּערְצִיגֶער (אַ מִין מַטְבֵּעַ) עֶר זָאל קֶענֶען קוֹיפְן אַ בְּרוֹיט פַאר זִיךְ אוּן פַאר זַיין הוֹיזְגֶעזוּנְט, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דַיין טָאכְטֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אוּן זִי וֶועט גֶעבָּארְן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת.

הָאט זִי זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט פוּן שְׁלָאף אוּן זִי אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּם בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן טַאקֶע גֶעטְרָאפְן דָארְטְן אַ אִינְגֶערְמַאן לֶערְנֶען, אוּן זִי הָאט אִים פַארְצֵיילְט דֶעם חָלוֹם, אוּן זִי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם פֶּערְצִיגֶער, אִיז מֶען גְלַייךְ גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּ דִי מוּטֶער אָנְזָאגְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז אִיר טָאכְטֶער הָאט גֶעהַאט אַ קִינְד.

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער לִיסְקֶער צַדִיק גֶעזָאגְט אַז עֶר זֶעהְט אַז אִין הִימְל הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז עֶר זָאל הָאבְּן גֶעלְט, נָאר אַ פֶּערְצִיגֶער, וַוייל וֶוען זַיין מוּטֶער וָואלְט גֶעזָאגְט פַאר דִי פְרוֹי זָאלְסְט גֶעבְּן הוּנְדֶערְט גִילְדְן כְּדֵי זִי זָאל הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה וָואלְט זִי אוֹיכֶעט גֶעגֶעבְּן, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז פוּן הִימְל הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוָואלְט נָאר אַז עֶר זָאל הָאבְּן אֵיין פֶּערְצִיגֶער.



ביים ציון פון רבי הערשל'ע ליסקער זי"ע - תשפ"ב

פוּן דֶעם סִיפּוּר קֶען מֶען זִיךְ אַרָאפְּלֶערְנֶען אַז אַלֶעס אִיז נָאר תָּלוּי פוּן אוֹיבְן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נִישְׁט מִיד וֶוערְן, אֲפִילוּ מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן תְּפִלָּה, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן תְּפִלָּה.

(אשר בנחל חלק ג' מכתב שכב)





# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- כ"ט -

**פארזעצונג פון פריער:** זייער אַסאַך זיך געפּלאָגט און געאַרבעט, מיט גרויסע מלחמות און נסיונות אָן אַ צאָל, ביז ער האָט זוכה געווען זיך אינגאַנצן אויסצואַרבעטן. ער האָט אַסאַך גערעדט און געבעטן און געמוטשעט דעם אייבערשטן, ער האָט אַסאַך זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ צום אייבערשטן און געוויינט צו אים, ער זאָל אים העלפן געראַטעוועט צו ווערן פון שלעכטע תאוות און עבירות, ער זאָל זוכה זיין צו זיין אמת'דיג הייליג און ערליך, מיט אַ גרויסע קדושה.

***

דער רבי האָט דערציילט אַז אין זיינע יונגע יאָרן פלעגט ער קודם עסן זייער אַסאַך, "איך פלעג עסן ממש גוזמות, יעדן אינדערפרי האָב איך געגעסן פאַר פרישטאָג ניין גרויסע בייגל, און די זעלבע צאָל פלעג איך עסן ביי מיטאָג, און דערנאָך אויך ביינאַכט", אויסער די פילע אַנדערע מאכלים וואָס ער פלעגט עסן.

דער רבי האָט געזאָגט אַז ער פלעגט דעמאָלט האָבן גרויסע יסורים פון דעם, ער האָט נישט געוואָלט ליגן אין תאוות אכילה, אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן עסן ווייניגער האָט ער געזען אַז ער האָט אַ תאוה אויך צו די ווייניג עסן, און דאָס האָט אים געמאַכט טראַכטן, "פאַרוואָס זאָל איך פּייניגן מיין גוף פאַר אומזיסט? איך זע דאָך סיי ווי אַז איך עס דאָס עסן מיט אַזאַ תאוה, וועט דאָך שוין נישט אויסמאַכן צי איך עס אַסאַך אָדער ווייניג", און דעריבער האָט ער דעמאָלט צוריק אָנגעהויבן עסן אַסאַך, ער האָט געלאָזט זיין תאוה ביים עסן, און אין יענע צייט האָט ער געאַרבעט אויף אַנדערע זאַכן, ווי אויבן דערמאַנט.

איינמאָל איז דער רבי געזעסן ביי זיין שווער ביי שלש סעודות, ס'איז געווען טונקל אין שטוב און ער איז געזעסן ביי אַ ווינקל, ער פלעגט אַלץ זיצן פאַר זיך אַליין און טון זיינע זאַכן וואָס ער האָט געהאַט צו טון. איז ער געזעסן דאָרט און גערעדט צום אייבערשטן, ער האָט דעמאָלט געבעטן דעם אייבערשטן אַז ער וויל זען די הייליגע אָבות, אַברהם יצחק און יעקב, און ער האָט צוגעזאָגט פאַר'ן אייבערשטן אַז אויב וועט ער זוכה זיין צו זען די אָבות, וועט ער אויך אַוועקוואַרפן די תאוות אכילה, און אַזוי האָט ער געבעטן און געבעטן, ער האָט געטון וואָס ער האָט געטון, ער האָט זיך זייער אַריינגעטון אין דעם ביז ער האָט איינגעדרימלט.

איז אים געקומען אין חלום זיין זיידע דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע, און ער האָט אים געזאָגט דעם פּסוק (דברים י"א, ט"ו) "וְנָתַתִּי עֵשֶׂב בְּשָׂדְךָ לִבְהֶמְתֶּךָ", און דאַן האָט ער זיך אויפגעוועקט און ער זיך געוואונדערט ווי עס קומט יעצט אַהער דער פּסוק. איז אים איינגעפאַלן אַז ס'שטייט דאָך אין תקוני זהר (ס"ב:) אַז "עשב" איז די אותיות "עב ש", "עב" איז "בת עין", און "ש" איז די דריי אָבות (שם ס"ז.) און מיט דעם האָט ער געטייטשט אַז אויב וויל מען זוכה זיין צו "עשב" - צו זען די דריי אָבות הקדושים, קען דאָס נישט זיין נאָר אויב מ'טוט דעם "בְּשָׂדְךָ לִבְהֶמְתֶּךָ" צו אַוועקוואַרפן די בהמיות, דאָס מיינט אַוועק צו וואַרפן די תאוות אכילה. און דאַן האָט דער רבי אָנגעהויבן אַרבעטן אויף תאוות אכילה, ביז ער האָט זוכה געווען זיך אינגאַנצן זיך אויסאַרבעטן אין דעם. [זע אין ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן נ"ז, ווי עס ווערט אַרויסגעברענגט דער ענין, אַז אויב מ'עסט בקדושה, שיינט ביים מענטש דער אור פון זכות אבות].



אַגב; רבי ניסן קאָוולער ז"ל, פון די גרויסע מקורבים ביים הייליגן רבי ר' ברוכ'ל פון מעזשעביזש זי"ע, האָט דערציילט פאַר'ן מגיד פון טירהאָוויצע זי"ע, אַז איינמאָל איז ער געווען ביי זיין רבי'ן און געזען אַז ער איז טרויעריג, און ער האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער איז צוגעלייגט, האָט דער הייליגער מגיד געזאָגט אַז עס איז שוין אַריבער אַ לאַנגע צייט וואָס ער האָט נישט געזען זיין זיידן, דעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע, יעדעס מאָל ווען ער גייט צו זיין קבר טרעפט ער אים נישט דאָרט. און יעצט האָט ער אים ענדליך געזען, און ער האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער זעט אים שוין נישט אַזוי לאַנג, האָט דער בעל שם טוב זי"ע אים געזאָגט, **"איך האָב זיך פאַרקליבן צו רבי נחמנ'ען"**.

פאַרזעצונג קומט אם ירצה השם
**געזומען פון ספר "פעולת הצדיק"**

# דער געלונגענער שלימזל



ישראל דוד העסקעל

פיני און מנחם זאב... וואו הייב איך אן? די צוויי ענערגישע אינגעלייט די גאנצע געגנט קען זיי ביידע, זיי פארמאגן אן אוצר פון מינימום פופציג שליסלעך יעדער איינער... מעמבערס סיי אין הצלה סיי אין חברים... שוין פון ישיבה זענען זיי ביידע געווען די געלונגענע חברה, פעסטע כאריזמאטישע אינגעלייט יעדער וויל זיין גוט מיט זיי.

פיני פארמאגט אן אייגענע ביזנעס וואס ער האט גע'ירש'נט פון זיין טאטע וואס האט רעטייערט אין פלארידע. די ביזנעס איז די גרעסטע אימפארטירער פון אלע סארט מארבל און גרעניט שטיינער און זיין געגנט ער איז א שיין פארמעגליכער איד, ער געבט צוויי חדשים נר למאור, ער איז שיינער טיילער מיט א גרויס הארץ צו העלפן א ברידער...

מנחם זאב, ווידער פארמאגט נישט זיין אייגענע ביזנעס אבער ער ארבעט ביי א ריזיגע קאמפאני וואס פאבריצירט פלאמבינג סופליי און ער איז דארט דער שפיץ סעילסמאן שוין פאר די לעצטע אכט יאר.

ער באקומט ריזיגע קאמישנ'ס אבער מיט זיין כאריזמע דעליווערט ער... נישטא וואס צו מאכן קיינער קומט נישט צו צו זיינע נאמבערס אין סעילס!



מנחם זאב איז פיין פארמעגליך, האסט נאר געדארפט זיין ביי די בר מצוה וואס ער האט געמאכט צוויי וואכן צוריק פאר זיין בכור... די טי"ם איז געווען שניי - די מוזיקאנטן זענען געזיצן אין א חופה געמאכט פון בלומען אויף אזעלכע הויכע סטולס אז זייערע פוס איז געהאנגען אין די לופטן... נאכדעם איז געהאנגען פונעם דאך אזעלכע טשיער ליפטס צוצוגעבן צו די שניי טים.

אויף די ווענט האט געשפילט א פראדשעקטער כאילו ס'פאלט שניי און נאכדעם איז געווען א מאשין וואס האט געבלאזן א ווינט אויף די באטייליגטע... אינדערזייט איז געווען אלע עסן - באפפעי סטייל... א קארווינג סטעישן, א סושי באר און פארשטייט זיך א קאקטעיל באר מיט א ריזיגע מיעטבאורד ס'זאל זיין לאות ולזכרון...



בקיצור א פשוטער שיינע אידישע שמחה אזוי ווי "יעדער" מאכט... אזוי אידיש און אזוי שיין פשיאה! - [נעבעך]

די צוויי געלונגענע חברה זענען אלץ גרייט אונטערצונעמען עסקנות'ער צו העלפן א צווייטן... זיי שפירן א איד באמת, רודף צדקה וחסד איז גאר קליין געזאגט... און זיי זענען נישט אליין זיי האבן א גאנצע קר"א אין זייער שול פון אלע פעסטע געלונגענע חברה... אבער די צוויי זענען אייביג פון פארנט, זיי פירן די זאך...

נאכדעם איז דא זלמן, אוי זלמן וואס אויף אים איז נאר נישט אריבער... ער קומט נעבעך פון א צוטיילטע שטוב ווי ביידע עלטערן האבן זיך געשלאגן אז זיי ווילן אים נישט.... שוין פון אלס קינד האט ער זיך געוואלגערט און געוואלגערט פון א מומע צו א קאזין צו עפעס אן אלטער שכן צו איינער וואס מ'האט געדארפט באצאלן גרויס געלט ער זאל דארט קענען אביסל וואוינען...

אין רעזולטאט פון די אלע מיטמאכענישן האט ער שוין ליידער נישט געקענט מצמצם זיין קאפ צו אויסהערן די מלמדים ממילא האבן זיי געזען אין אים א קלאץ אז די מלמדים האבן אפילו נישט פרובירט מיט אים... זיי זענען געווען צופרידן אז ער זיצט אין די זייט און שטערט נישט...

אריינגייענדיג אין ישיבה איז געווען פאר אים א פרישע גלות פון איין ארגאניזאציע צו נאך איינעם, געשלעפט צו פסיכאלאגן, ארויסגעווארפן פון ישיבה אריינגעשליידערט אין א צווייטע ישיבה... אלע עסקנים האבן שוין אויפגעגעבן... ענדליך איז ער שוין אכצן ער שוין אויף זיין אייגענע אחריות... קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים ער וואלגערט זיך פון איין שטאט צום צווייטן... ענדליך האט ער באקומען עפעס א שטיקל דשאב... אזוי האט ער זיך אפגעמוטשעט ביז די דריי און צוואנציג ווען ער איז ענדליך א חתן געווארן!

מ'האט אים א חתן געמאכט מיט א מיידל וואס האט זיך אויך נעבעך געוואלגערט אן קיין שטוב, זי קומט פון א תימנ'ע משפחה און האט אויך נישט געהאט ווער עס זאל זיך אויף איר אומקוקן געהעריג...

אזוי האט ער חתונה געהאט און ער האט זיך באזעצט פונקט אין די גענגט פון פיני מיט מנחם זאב... ער האט פרובירט צו עפענען א ביזנעס פון היימישע קאר סערוויס אבער חוץ חובות איז אים גארנישט געגאנגען נאך קוים פיר חדשים האט מען אים שוין געדארפט אויסלייזן... אבער ער איז נישט געשלאפן... גראד האט ער זיך אריינגעלייגט און געעפנט א מאווינג קאמפעני און ער האט שטארק געהאפט אז ענדליך יעצט וועט ער אפשר מצליח זיין... פון אנהויב האבן מענטשן רחמנות געהאט אויף אים און אים גענוצט אבער שנעל האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איז א שלימזל פון מדינת השלימזלנים... ער האט "בטעות" צושמעטערט ביי איינעם טייערע מעבל ביי א צווייטן גאר טייערע כלים און שנעל האט זיך ארויסגעוויזן אז קיין אינשורענס האט ער נישט.... אזוי איז ער ווייטער געבליבן מיט א פרישע בארג חובות...

ער האלט שוין יעצט זעקס יאר נאך זיין חתונה ער האט שוין געעפנט זיבן ביזנעסער און אלעס איז געגאנגען כאדאראם ער האט שוין דערלייגט זיין הויזן און האט באוויזן אנצוזאמלען א פעקל חובות פון פינף הונדערט טויזנט דאלאר!

באשעפער אין הימל וואס טוט מען דא





מיט זלמי? - פרעגט פיני פון מנחם זאב ביי שלש סעודות... באלד קומט פסח דארט איז גאאארנישט דא איך ווייס עס! גענוג איז גענוג מיר מוזן אים העלפן וואס גייט זיין מיט אים? הלוואי זאל ער שוין מיט עפעס מצליח זיין...

צוביסלעך איז זלמן ארויגעקראכן פון זיינע שווערע מצבים אין וואס ער איז געווען, דער אייבערשטער האט אים געהאלפן און זיין מזל האט אנגעהויבן שיינען ווי קיינמאל בעפאר, זאכן האבן אנגעהויבן גיין צו בעסערונג.
זעט אויס ער האט געהאט גוטע פריינד וואס האבן געבעטן דעם אייבערשטן פאר זיין הצלחה, און דער אייבערשטער האט טאקע געהאלפן אויף גאר א שיינעם וועג.

זלמן קען נישט גלייבן זיין מזל... אלע חובות אראפ ער קען אנהייבן פון פריש! גראד נאך יום טוב פרובירט ער נאכאמאל זיך ארייננצוואווארפן אינעם עולם המסחר...
דאסמאל האט ער געטראכט אז ער וועט אנהייבן טון שיפינג! א טראק האט ער נאך פון זיינע מופן קאמפעני צייטן... ער דארף כמעט נישט משקיע זיין ער הייבט אן קליין אבער די רעדעלע האט זיך ענדליך געגעבן א דריי...

בדרך לא דרך האט אים אנגעטראפן איינער וואס דארף אסאך שיפינג און ער האט שטארק געגליכן זיין סערוויס און זיין גוטע פרייז און פון דארט האט ער אים שוין רעקאמענדירט פאר זיינע חברים און צוביסלעך האט דער זלמן אנגעהויבן גאר שטארק מצליח זיין!

ממש אין בלויז צוויי יאר האט ער זיך דערזען מיט א ריזיגע קאמפעני וואס טוט שיפינג אינטערנאציאנאל! ער איז גאנץ שנעל געווארן א שיינער עושר און ס'האט זיך אנגעהויבן ארויסווייזן... ער האט זיך געקויפט א בעלעבאטישע הייזקע און ער קומט און שוהל מיט זיין פולי לאודעד עסקעלעיד... יעדער רעדט דער נייער עושר...

אבער דער פיני און מנחם זאב האבן אים נישט געקענט פארגינען און האבן אנגעהויבן רעדן ביי קופקעס ס'נישט אזוי פשוט... ער האט גרויסע חובות... די גאנצע ביזנעס איז געבארגט.... איך זאג דיר מארגן זעסטו די ליסינג קאמפעני קומט אויפפיקן זיין קאר... ער איז בעצם א געזונטער אנזעצער... איך זאג דיר, פונדרויסן קוקט ער אויס פיין און וואויל אבער קענסט רוהיג גיין נאך געלט פאר אים...

דער זלמן האט זיך אויסגעלאכט ער ווייסט פונקטליך וויפל געלט ער האט, וואס גייט אים אן אז די זעלבע וואס האבן אים אזוי שטארק געוואלט 'אוועקשטעלן' ווילן יעצט נאר אים צוריק זען אלס דער אלטער זלמן שלימזל...

*****

אוי שוין פון אלס בחור וואלגערט ער זיך פון איין ישיבה צו נאך א ישיבה פון איין גוטע איד צו נאך איינער און דערוייל פאלט ער... ער טראסקעט! ער איז אינגאנצן פארטרוקענט... ער האט נישט ווער ס'זאל אים מחזק זיין...

נאך די חתונה ווערט ער נאר אלעס ארגער... ער האט נישט קיין מורה דרך ער פאלט אין אידישקייט זיין שלום בית גייט צוגרינד... זיין דאווענען איז טויט (ווען ער דאוונט) ער לערנט נישט ווי גרויס די יאר איז...

אוי זיין טאטע, זיין שווער, די ברידערס, שוואגערס, חברים און די גאנצע סביבה... יעדער זאגט מ'קען נישט אזוי מ'מוז האבן א מורה דרך... מיר זענען דיר גרייט צו העלפן... מיר וועלן טון אלעס פאר דיר, אבער אזוי קען מען נישט אנגיין.

דער אינגערמאן קרעכצט מיט... וויל איך דען נישט דאווענען? וויל איך דען





נישט לערנען? וויל איך דען נישט יראת שמים? קיין שלום בית? ... זיכער וויל ער אבער ער איז טרוקן ער האט נישט ווער זאל אים ווייזן א וועג פאר אים...

ביז ענדליך ענדליך טרעפט ער א גליון, א בלעטל, א קליין ספר'ל, א קארטל און זיין גאנצע לעבן דרייט זיך איבער ער הייבט אן ווערן אן ערליכער איד! ער האט א מורה דרך א רבי וואס ווייזט אים ווי אזוי זיך צו פירן!

פלוצלינג זענען דא אלע גוטע אידן וואס ווילן אים נאר זען מצליח זיין - נעלם געווארן מ'הייבט אים אן מסביר זיין דאס איז נישט קיין פלאץ... מ'האט נישט געהאלטן... ס'קוקט נאר אויס פון אנפאנג... אין ברסלב אליין איז עס אויך אפגעפרעגט... ס'איז נייע זאכן...

ער לאכט זיך אויס! דו קענסט רעדן און שרייען איך ווייס אבער וואס איך האב אין די האנט! תפילה בציבור, א געשמאק צו אידישקייט, שלום בית, אויסנוצן די צייט, זיין תמיד פריילך, נישט רעדן קיין ניבול פה, אנטלויפן פון מחלוקת, די הייליגן דרך הלימוד און אזוי ווייטער, אלעס וואס יעדער מקורב האט אין די האנט...

וואס אינטערעסירט מיך בכלל וואס יענער האט צו זאגן... איך קען מיינע נכסים איך ווייס וואס היכל הקודש געבט מיר!


מוסדות היכל הקודש ברסלב באר"ב

רענט קאמפיין

הֵיטִיבָה ה' לַטּוֹבִים וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

# פרנס החודש

מיר ווילן זיך באדאנקען פאר ידידינו

מו"ה יעקב שאול פיש הי"ו

מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו

וואס האבן אפגעקויפט די זכות פרנס החודש

## חודש שבט

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבי'ן'ס מוסדות זאל אייך ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פול סייעתא דשמיא

פרנסי השנה

מו"ה שמוליק בלעדי הי"ו

מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו

# ווער זענען זיי?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך



סעודת פסח שני אין היכל הקודש בלומינגראוו
צוזאמען מיט סיום משניות 202 מאל פון מו"ה
בערל לעווי הי"ו - שנת תשפ"ב

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם**
**אינעם קומענדיגן בלעטל**

ברסלב
שטיצט
ברסלב

# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244
יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618
יואל וועבערמאן – 845-662-8423
יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122
אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566
ראובן בידנבוים – 347-549-5625
גרעסערע דירה – 845-637-5367

בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES

We take care of all your bookkeeping and billing needs

Ephraim Feldman
845-587-2421
kbbsbookkeeping@gmail.com

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת און פאר גאנץ זומער, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449






# חידות
## אפטיילונג

**מוהרא"ש זאגט: א וואך וואס מ'איז נישט מעביר סדרה**

**א. איז נישט קיין וואך**
**ב. ווערט מען האבן א שאדן יענע וואך**
**ג. דארף מען עס משלים זיין**
**ד. איז גארנישט געשען**

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט געזאגט:
ס'איז נישט מעגליך צו זיין א איד אן
**התבודדות**

*געוואונער פון פאריגע וואך*

**נחמן נתן אינדיג - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

# קרית ברסלב בלעטל
# קינדער אפטיילונג
## פרשת אחרי קדושים

# טרעף
## די ווערטער

| | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ד | ש | ד | צ | מ | נ | ג | ה | ח | פ | ס |
| ע | ע | צ | ד | ב | ב | ד | ת | ת | מ | ד |
| ב | צ | ו | ע | ע | י | ו | ו | י | י | ב |
| ת | ל | ג | ה | כ | ע | ת | ק | ר | ע | א |
| כ | ע | צ | א | ק | ל | ח | ש | ע | ד | ש |
| ג | ז | ס | ס | צ | י | צ | כ | ט | ע | ע |
| פ | א | ר | ט | ש | כ | נ | ר | ש | מ | פ |
| ל | ק | א | ס | ב | ה | ש | ד | ר | ה | ע |
| ה | ש | ר | ט | א | ר | מ | מ | ע | ח | ר |
| ה | כ | ב | ד | ז | ו | א | י | ב | ר | ד |
| פ | ח | ר | ו | י | ע | ו | כ | י | נ | ח |
| נ | כ | ה | ב | נ | ז | נ | ו | י | נ | ת |
| פ | ש | י | י | ד | ב | ס | פ | א | ר | ש |
| א | י | י | ב | ע | ר | ש | ט | ע | ר | כ |
| ר | ש | ט | ל | ר | ס | פ | א | ר | ה | ק |

שכח אייבערשטער
פאר מיין שיינע לעבן
שכח באשעפער פאר
וואס דו האסט מיך געגעבן
שכח אייבערשטער פאר
מיין ווייב און קינדער
שכח באשעפער פאר
יעדעם באזינדער

## טרעף די וועג

העלף נחמן נתן אנקומען
פון איין זייט קעסטל צום צווייטן



## לאמיר שפילן סודאקו

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | 5 | | |
| | | | 2 | 1 | |
| | | | | | |
| 6 | 5 | | | 3 | |
| | | 1 | | | 6 |
| | 2 | | | | 5 |

## שיחות פון רבי'ן פארהער





וועלכע שיחה פון רבי'ן
דערמאנט דיך די בילדער?

טרעף 10 חילוקים

## טרעף 10 חילוקים
## צווישן די צוויי בילדער





אויפן בילד: אנשי שלומינו זענען מתפלל ביים ציון פונעם הייליגן
בעל 'מגלה עמוקות' זכותו יגן עלינו - ב' תזריע מצורע תשפ"ג

# עצתו אמונה
בחינה

## פרשת תזריע מצורע תשפ"ג

### פון רעכטס צו לינקס

1. מיטן רבינ'ס עצות, שכל און חיזוק, איז דער לעבן א זיסע ____
5. געב אכטונג אויף דיין שטוב עס זאל זיין נאר ____ געסט
6. נעם דעם תהלים און בעט דעם ____, וועסטו האבן גרויס שפע
8. קיין ____ קומט נישט ארויס פון שבתון'ס
9. אז מען האט הייליגע אויגן און א ריינעם מח, איז מען זוכה צו ערליכע ____
10. בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט בלייבן ____ ביים רבי'ן בזה ובבא
13. כאפ ארויס, אין די ____ צייט, א בלאט גמרא, זאג די ווערטער אפילו אן פארשטיין
14. געב זיך אכטונג פון חובות, ווייל חובות ____ דעם מענטש

### פון אויבן אראפ

2. הער אויס דיין ____ און פרוביר איר צו פארשטיין
3. ביי די ליכט זאלט איר לאזן אפאר ____ פאר אייערע קינדער
4. הלוואי זאלסטו זיך גוט אויסרעדן און אויסוויינען צום אייבערשטן, וועט דיר אלעס גיין ____
6. זאג יעדן טאג אכצן פרקים משניות וועסטו ____ פון מצרים
7. אז מען וויל פרנסה דארף מען ____ דעם אייבערשטן
11. בעט דעם אייבערשטן זאלסט האבן א קלארע ____ און זיין שטענדיג פרייליך
12. פרוביר מיט אלע דיינע כוחות צו זיין ____
15. וועק זיך אויף און זיי זיך פריש מקרב צום ____
16. נישטא קיין בעסערע פרנסה ווי פארשפרייטן די הייליגע ____ פון רבי'



# קליין און שיינך




נחמן נתן שניטצלער נ"י - וויליאמסבורג



אליעזר שלמה וועבערמאן נ"י - קרית ברסלב
אהערגעשטעלט א ל"ג בעומר שיסער



משפחת וועבערמאן - קרית ברסלב, געבויעט באבי ווכערמאנ'ס הויז



שיקט אריין א בילד
פון אייער קינד

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

ציפורי בירנבוים תחי' - קרית ברסלב פארציילט:




געמאלן דורך: מלכי בירנבוים







אליעזר שלמה פיש נ"י - קרית ברסלב פארציילט:




געמאלן דורך: רבקה וועבערמאן






# בילדער אפטיילונג

**דערהויבענע נסיעה למקומות הקדושים אין פוילן**
**זונטאג - דינסטאג פרשת תזריע מצורע תשפ"ג**




קרעדיט: יוסי פררויא

אין א שמועס מיט הרב יואל טייטלבוים שליט"א בן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, אין לופטפעלד



קרעדיט: יוסי פררויא

מעריב אין לופטפעלד



קרעדיט: איידיק ראטה

אויפן וועג ארויף צום ציון פון הייליגן רבי אלימלך זי"ע אין ליזענסק



קרעדיט: שמעון פיש

ביים ציון אין ליזענסק



קרעדיט: ש. י. שניטצלער

אין שינאווו



קרעדיט: איידיק ראטה

ביים ציון פון הייליגן דברי יחזקאל זי"ע אין שינאווו




ביים ציון פון ראפשיצער רב זי"ע אין לאנצוט




אין לאנצוט




ביים ציון פון א זון פון הייליגן בני יששכר זי"ע
אין לאנצוט




אין לאנצוט




מנחה אין הכנסת אורחים ביים ציון אין לאנצוט




ארויסקומענדיג פונעם הכנסת אורחים אין לאנצוט




אין א שמועס מיט אנשי שלומינו אין לאנצוט




ביים ציון פון הייליגן בני יששכר זי"ע אין שטאט דינוב




מען צינדט א ליכט לע"נ רבי מנחם מענדל בן רבי יוסף זי"ע




ביים ציון פון רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע.







ביים ציון פון רבי הערש מרימנוב זי"ע




מעריב ביים נייעם שול אין רימנוב




אין א טאנץ נאך מעריב




קבועות מזוזה אינעם נייעם שול / הכנסת אורחים אין רימנוב




לחיים אינעם נייעם הכנסת אורחים אין רימנוב



קרעדיט: משה איינהארן

אויפן באס



קרעדיט: אייזיק ראטה

שאלות ותשובות אויפן באס



קרעדיט: אייזיק ראטה







אנשי שלומינו לערנען זייער שיעורים כסדרן אויף די וועגן און שטעגן



קרעדיט: אייזיק ראטה

אין א שמועס מיט הרב יואל האלבערשטאם שליט"א מ'בלומינגראוו - אין שטאט צאנז



קרעדיט: אייזיק ראטה

דער ראש ישיבה געט צושטייער פארן הכנסת אורחים אין שטאט צאנז



קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: יוסי פרערויא

ביים ציון פון הייליגן צאנזער רב זי"ע אין צאנז



קרעדיט: אייזיק ראטה

רייכע סעודה צוגעשטעלט אין קראקא



קרעדיט: אייזיק ראטה

אין א שמועס מיט אנשי שלומינו נאכן סעודה



קרעדיט: יענקי פיש

הערליכע סיין באצירט די אויבן אן ביים סעודה




קרעדיט: שמעון פיש

אין א שמועס מיט א שליח חב״ד אין פארנט פון רמ״א שול אין קראקא



קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: אייזיק ראטה

ביים רמ״א שול אין קראקא



קרעדיט: שמעון פיש

ברכת התורה אין רמ״א שול



קרעדיט: שמעון פיש

ביים רמ״א שול אין קראקא



קרעדיט: יוסי פרערויא

ביים ציון הייליגן רמ"א אין קראקא



קרעדיט: משה איינהארן

מען נעמט אראפ א צווייג פונעם בוים העכערן ציון הרמ"א אלס א סגולה פאר קינדער



קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: שמעון פֿיש

ביים ציון פון הייליגן ב"ח אין קראקא



קרעדיט: שמעון פֿיש



קרעדיט: שמעון פֿיש

ביים ציון פון הייליגן תוספות יום טוב אין קראקא



קרעדיט: אייזיק ראטה

ביים ציון פון בעל מגלה עמוקות אין קראקא




קרעדיט: אייזיק ראטה

ביים ארויסגיין פונעם בית החיים אין קראקא




אינעם בית החיים אין שטאט קראקא




אויפן שאטל פון שטעטל צום לופטפעלד




מעריב אין לופטפעלד אין ניו יארק נאכן נסיעה




אפשערן פון בן מו"ה נחמן נתן בוים הי"ו - ערב פסח




כיתה ו' אין שטעטל רעכט אפ א סדר




בחורים פון ישיבת עצתו אמונה אין צפת אויף א
אויספלוג ביי די בערג




ארויפגעלייגט דעם נאמען פונעם נדבן אין בית הדפוס
קרית ברסלב ליבערטי - היכל מרדכי לייב

אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן

# שותפים

שותפים פראיעקט - החזקת מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל

## על טהרת הקודש

בנשיאות מורינו **הראש ישיבה** שליט"א

### תלמוד תורה היכל הקודש
### עיה"ק ירושלים ת"ו

**שותף שבוע**

**שותף יום**

משולם ותמר פינטער

אשר בער וטויבא אינדארסקי

### תלמוד תורה היכל הקודש
### עיה"ק טברי' ת"ו

**שותף שבוע**

משולם ותמר פינטער

אליעזר וחנה שמן

**שותף יום**

### ישיבה קטנה היכל הקודש
### עיה"ק ירושלים ת"ו

**שותף שבוע**

**שותף יום**

משולם ותמר פינטער

### בית פיגא
### עיה"ק ירושלים ת"ו

**שותף שבוע**

**שותף יום**

משולם ותמר פינטער


Enjoy a fresh start to spring
Servicing the Upstate Area
LAWN CARE AND LANDSCAPING
Mowing the grass
Clearing debris and clutter
Redefining lawn borders
Re-edging/cleaning garden beds
Re-seeding damaged areas
Pruning/trimming trees & shrubs
FOR FREE ESTIMATE
CALL 845.637.5367
WhatsApp 718.306.2448
shlomie@kbmanagementny.com
KB GROUP
property management and construction team